**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 8/31/2021 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול אנאנסירט אפליקאציעס איצט אפן צו ווערן א פרישע ניו יארק סטעיט טרופער

***צוטריט צו טעסטינג פארברייטערט דורך נייע אנליין פראצעס***

***ניי-איבערגעקלערט רעקרוטמענט אוטריטש פראגראם אויפגעשטעלט צו העכערן דיווערסיטעט***

***קאנדידאטן קענען זיך לערנען צו ווערן ניו יארק סטעיט טרופערס און זיך◌איינשרייבן צו נעמען דעם פאַרהער [דא](#)***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז אפליקאציעס זענען איצט אפן פאר די נעקסטע ניו יארק סטעיט פאליציי איינטריט פארהער. דער פארהער, וועלכס וועט אדמיניסטרירט ווערן פון יאנואר ביז נאך אפריל 2022, וועט געגעבן ווערן אנליין ביי אויטאריזירטע טעסטינג צענטערס דאס ערשטע מאל אין סטעיט פאליציי היסטאריע, א שטאנדטייל פון א באמיאונג צו מאכן דעם פארהער מער צוטריטליך צו דער אלגעמיינער פובליק. אין צוגאב האט דער סטעיט פאליציי אנגעהויבן א ניי-איבערגעטראכטע רעקרוטמענט אוטריטש פראגראם אויסגעשטעלט צו העכערן די צאל מינאריטעטן און פרויען צו סערווירן אין די טרופס.

קאנדידאטן קענען זיך לערנען צו ווערן ניו יארק סטעיט טרופערס און זיך◌איינשרייבן צו נעמען דעם פארהער אויף [joinstatepolice.ny.gov](https://joinstatepolice.ny.gov).

"דער ניו יארק סטעיט פאליציי'ס שטאלצע טראדיציע פון פובליק סערוויס גייט נאך צוריק איבער א יארהונדערט, און מיר עפענען אפליקאציעס צו ווערן איינע פון די שענסטע און בעסטע פון גרעסטע אינפארסיר אגענטורן אין דעם לאנד," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "עס איז קריטיש-וויכטיג אז אונזערע טרופערס זאלן זיך אריינקלערן ווער מיר זענען אלס א פאלק, און טאקע דערפאר פרואוון מיר אנצוקומען צו אלע קאמיוניטיס, כדי צו טרעפן די צוקונפטיגען פירערס פון דער סטעיט פאליציי. מיר דערמוטיגן יעדער וואס זוכט צו מאכן א דיפערענץ זאל נעמען אין באטראכט א קאריערע אלס א ניו יארק סטעיט טרופער."

די סטעיט פאליציי האט אויפגענומען "פיערסאן VUE" אנצובאטן די טרופער איינטריט פארהער ביי 54 טעסטינג צענטערס אין ניו יארק סטעיט, מער ווי 250 לאקאציעס אין די פאראייניגטע שטאטן, און 112 מיליטערישע לאקאציעס איבער דער גארער וועלט. קאנדידאטן וועלן קענען אויסוועהלן וואו און ווען זיי נעמען די פארהער. אין דער פארגאנגענהייט איז עס געווען א געשריבענע פארהער, און קאנדידאטן האבן עס געדארפט נעמען אויף א ספעציפישע פלאץ, דאטום, און צייט. פאראינטערעסירטע קאנדידאטן וועלכע האבן סערווירט אין דער מיליטער האבן געדארפן נעמען אן אורלויב צוריק צו פארן צו ניו יארק סטעיט צו נעמען דער פארהער אויף איינע פון די באשטימטע דאטומס. דער נייער אנליין טעסטינג פראצעס איז באקוועמער און גרינגער פאר אינטערעסירטע קאנדידאטן. קאנדידאטן האבן א סך הכל פון צוויי שעה צו ענדיגן דער פארהער. עס איז דא א 20-דאלערדיגע קאסט צו נעמען דעם טעסט, און נאך א 35 דאלערדיגע קאסט צו באצאלן ווען דער קאנדידאט קלויבט אויס א טעסטינג ארט און דאטום און צייט.

**סטעיט פאליציי סופעראינטענדענט קעווין פ. ברוען האט געזאגט,** "דער ניו יארק סטעיט פאליציי שמ׳ט מיט איר טראדיציע פון אויסצייכענונג. כדי דאס אנצוהאלן, און צו בויען אויף דעם, דארפן מיר צוצוציען די מערסט טאלאנטפולע און מערסט פארשידנארטיגע גרופע קאנדידאטן וואס מעגליך. צו זיין א סטעיט טרופער מיינט צו העלפן מענטשן און צו זיין א כוח פאר גערעכטיגקייט. מיר דערמוטיגן יעדער איינער וואס זוכט א הנאה׳דיגע און באגייסטערנדע קאריערע זיך אויפצושרייבן פאר דער פארהער."

אין צוגאב צו דער נייער פארהער האט דער סטעיט פאליציי אויסגעשטעלט אויפדאסניי איר רעקרוטמענט פראגראם אויף אנצוקומען צו מער פרויען און מינאריטעט קאנדידאטן. דער אונטערנעמונג איז כולל זיצונגען מיט פירערס אין קאמיוניטיס וועלכע זענען ווייניג רעפרעזענטירט אין געזעץ אינפארסירונג, מיט׳ן ציל צו בויען פאזיטיווע און לאנג-טערמיניגע באציאונגען. דער סטעיט פאליציי האט אויך געשאפן רעקרוטמענט טיעמס אין יעדן טרופ אויף אויסצושפרייט א נעטווארק ביי פארקומענישן און אין געגנטער. דער אגענטור וועט אויך ניצן סאושעל מעדיע און אנדערע גרייך-מיטלען צו באקאנט מאכן פאר׳ן פובליק וועגן דער פארהער און די בענעפיטן פון א קאריערע מיט די סטעיט פאליציי.

צו דער איצטיגער צייט האט דער ניו יארק סטעיט פאליציי ארום 4,640 איינגעשוואוירענע מיטגלידער. אומגעפער 6 פראצענט זענען היספאניש, 4 פראצענט זענען שווארץ, 1 פראצענט זענען אזיאנער אדער פון פאציפישע אינזלען, און 11 פראצענט פון דעם גאנצן פאָרס זענען פרויען.

א לערן-אנווייז פאר דער פארהער קען מען געפונען ביי דעם לינק: https://joinstatepolice.ny.gov/system/files/documents/2021/08/study-guide-practice-test-for-the-nysp-trooper-examination.pdf

**פארהער באדינגונגען:**

- אמעריקאנער בירגער
- 20-29 יאר אלט (דער מאקסימום עלטער קען פארלענגערט ווערן אויף איין יאר פאר יעדעס יאר פול-צייטיגע אקטיווע מיליטער דינסט - ביז א מאקסימום פון 7 יאר)
- הויך-שולע דיפלאם אדער דאס גלייכן

נאך דריי באדינגונגען זענען פארלאנגט אויף דער צייט פון דער אפוינטמענט. יענע קען מען געפונען דא: https://joinstatepolice.ny.gov/appointment-qualifications

**געהאלט און בענעפיטן**

- אנהייב געהאלט: $58,443
- נאך איין יאר: $82,677
- פולע בענעפיטן און רעטייערמענט

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן